**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רונדע זעקס געווינער פון LUMINATE NY נייע ביזנעס שטיצע פארמעסט**

***Oculi באקומט 1 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג; נאך פינף פירמעס פארזיכערן נאכפאלגנדע אינוועסטירונגען***

***אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען פאר רונדע 7 פון די אפטיקס, פאטאניקס, און אימעדזשינג פארמעסט ביז יאנואר 8, 2024***

***אינוועסטירונג באגלייט די "פינגער לעיקס פאראויס" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

***בילד און ווידעא פון Luminate NY קאנקורירער פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט Oculi אלץ געוואונער פון רונדע זעקס פון די Luminate NY (באלייכט ניו יארק) אפטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג נייע ביזנעס שטיצע פארמעסט. באלטימאר, מערילענד-באזירטע Oculi האט באקומען די "פירמע פון די יאר" אויסצייכענונג ביי די לומינעיט פיינעלס אין 2023 וועלכע זענען אפגעהאלטן געווארן לעבעדיג ביי די אינאוועישאן סקווער אין דאונטאון ראטשעסטער, און אנליין. די פירמע וועט באקומען 1 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג פון ניו יארק סטעיט דורך די [פינגער לעיקס פאראויס אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו ( Finger Lakes Forward Upstate Revitalization Initiative).]() Oculi וועט נוצן די נאכפאלגנדע געלטער צו אריבערציען אירע הויפטקווארטירן צו ראטשעסטער, און צו הייבן אפעראציעס פאר מאסן פראדוציררונג, פארברייטערן פארקויפונגען, און פארן אנטוויקלען פארגעשריטענע ווערסיעס פון אירע פראדוקטן. ׳לומינעיט NY׳, וועלכס ווערט אנגעפירט דורך ׳נעקסט-קארפס׳, איז דער וועלט׳ס גרעסטער ביזנעס עקסעלערעיטאר פאר אויפקומענדע קאמפאניס וואס האבן טעכנאלאגיעס ערמעגליכט דורך אפטיקס, פאטאניקס, און אימעדזשינג. די פיינעלס געשעעניש צייכענען אפ די פארענדיגונג פון די זעקסטע יאר פון דעם פראגראם, וואס האט יעצט איבער 50 פירמעס אין איר פארטפאליא. ווי פארלאנגט דורך די אויסצייכענונג, וועלן אלע געווינערס פון דער פארמעסט זיך אונטערנעמען אוועקצושטעלן אפעראציעס אין די ראיאן פאר צום וויינסטנס די קומענדיגע 18 חודשים.

"א דאנק Luminate NY, וועט אונזער סטעיט ווייטער פירן דאס לאנד אויף פארגעשריטענע טעכנאלאגישע פארשונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געווינער פון די פארמעסט'ס זעקסטע רונדע פארטרעטן טייל פון די מערסט ערפינדעריש ביזנעסער וועלכע ברענגען טראנספארמירנדע פראדוקטן אין אפטיקס, פאטאניקס און די אימעדזשינג סופליי טשעין צום מארק. איך גראטוליר היי יאר'ס געווינערס, און פארבלייב געטריי צו שטיצן די שנעל-שטייגנדע, הויכע-טעכנאלאגיע ביזנעסער און אינדוסטריעס וועלכע וועלן ברענגען ניו יארק פאראויס."

Oculi ברענגט גרויסע פארשריט צו קאמפיוטער און מאשין זע-קראפט מיט די וועלט'ס ערשטע פראגראמיר-בארע זע-קראפט סענסאר, די Oculi SPU™ [סענסינג און פראסעסינג יוניט ( Sensing and Processing Unit, SPU™)]. עס קאמבינירט די פראקטישקייט פון ביאלאגיע - ספעציפיש דעם מענטשליכן אויג - און די שנעלקייט פון מאשינען צו מאכן קאמפיוטער זע-קראפט שנעלער און בעסער. דורכן אריינפלעכטן אינטעליגענץ אינעם סענסאר ביים פיקסעל שטאפל, האט די שעפערישע טשיפ די קראפט צו טראנספארמירן קלוגע דעווייסעס דורכאויס היימען, אפיסעס, און אויטאס. Oculi'ס SPU איז דאס בעסטע פאר זע-קראפט אינטעליגענץ ביים עק, ווי נאכפאלגן קערפער-באוועגונגען, דערקענען געזיכטער, און נידריג לעיטענסי אויג נאכפאלגונג.

**CEO פון Oculi טשארבעל ריסק האט געזאגט**, "די לומינעיט פראגראם, שטאב, און דער ראיאן האט איבערגעשטיגן מיינע ערווארטונגען. איך האב אויסגעפינען אזויפיל וועגן די פינגער לעיקס ראיאן און די רעלעוואנטע איקאסיסטעם וואס עקזיסטירט דא. אויב וואלט איך דאס געוואוסט פריער, וואלט דא געווען מיין פירמע'ס היים פונעם ערשטן טאג."

וואשינגטאן, DC-באזירטע Digiteyez האט באקומען די 'אויסגעצייכנטע גראדואירטע' אויסצייכענונג און $400,000 אין א נאכפאלגנדע אינוועסטירונג. די פירמע דיגיטיזירט די זע-קראפט אינדוסטריע דורכן דעליווערן אויגן קעיר לויטן פארלאנג מיט Clear, א שנעלע, גרינגע אנליין אויג טעסט וואס קאסטומערס קענען נעמען סיי וואו, פון סיי וועלכע דעווייס.

**דריי פירמעס האבן געט'יי'ט פאר די חשוב'ע גראדועיט אווארד, ווען יעדע פון זיי באקומט $200,000** אין נאכפאלגנדע געלטער. דאס נעמט אריין שיקאגא, אילינוי-באזירטע NanoPattern טעכנאלאגיעס, וואס טראנספארמירט דיספלעי מעניופעקטשורינג מיט איר פאטענטעד כעמיסטרי און קוואנטום דאט אינק; בערלין, דייטשלאנד-באזירטע Quantune טעכנאלאגיעס וואס קאמערציאליזירט די וועלט'ס ערשטע טשיפ-סייז לעיזער ספעקטראמעטער; און Swave Photonics פון לוווען, בעלגיע, וועלכע טראנספארמירט ווי אזוי פארמערטע און ווירטועלע ווירקליכקייט ווערן געשפירט דורך איר Holographic eXtended Reality (HXR) טעכנאלאגיע.

בכבוד'יגע דערגרייכונג און $50,000 איז געגאנגען צו Photonect Interconnect Solutions, א **ראטשעסטער-באזירטע** סטארט-אפ וואס טוט ווידער-פארמירן דעם צוקונפט פון אפטיקל פייבער צו פאטאניק טשיפ קאנעקשאנס דורכן נוצן לעיזער טעכנאלאגיע אנשטאט טראדיציאנאלע גלו.

אינוועסטירונגען זענען היינט פארגעשטעלט געווארן נאך דעם וואס א פאנעל פון עקספערטן פון די אפטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג (optics, photonics, and imaging, OPI) אינדוסטריע און 'ווענטשור קאפיטאליסט' אינוועסטירונג גרופעס האבן געגעבן צייכענעס פאר די אנטיילנעמנדע פירמעס באזירט אויף זייערע ביזנעס פארשטעלונגען און איבערבליקן וועלכע זענען געמאכט געווארן דורכאויס די זעקס חודשים פון די נייע-ביזנעס שטיצע פראגראם.

זינט עס איז געעפנט געווארן האט Luminate NY אינוועסטירט 18 מיליאן דאלאר אין 63 נייע ביזנעסער. די פירמעס אין די פארטפאָוליאָ האבן יעצט צוזאמען א סך הכל ווערט פון איבער 650 מיליאן דאלאר. אין צוגאב צו געבן אן אפגעשאצטע 1.5 ביז 2 מאל ריווח אויף די אינוועסטירונג, פילע פון די קאמפאניס שטעלן אוועק יו-עס אפעראציעס אדער א געוויסע הינזיכט פון פארשונג און פאבריצירונג אין דער ראטשעסטער ראיאן, וועלכס האט רעזולטירט אין 164 דזשאבס. לעצטע יאר'ס פירמע פונעם יאר געווינער, Lidrotec Technologies, האט אוועקגעשטעלט א ניו יארק אפיס, און ארבעט צו אויפשטעלן א פראטאטייפ סיסטעם אין ניו יארק.

**לומינעיט NY פארוואלטונגס דירעקטאר דר. סאיוטא ראמאניואן האט געזאגט**, "פריע-שטאפל פירמעס וואס אנטוויקלען טיפע טעכנאלאגיע פאדערן שטיצע וואס איז ספעציפיש פאר זייערע געברויכן. מיט די רייכע OPI ריסאורסעס וואס זענען אוועילעבל אין די פינגער לעיקס, קענען מיר זיי צופאסן צו די ערפארונג, פארטנערס, און אינוועסטירער וואס קענען זיי העלפן פארשנעלערן דעם גאנג פון זייער טעכנאלאגיע און ביזנעס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן פארזעצן דעם פראגראם, וואס ברענגט די בעסטע פון די אויפשטייגנדע פירמעס צו אונזער ראיאן."

די Luminate NY שטיצע פראגראם פאר נייע ביזנעסער איז באזירט אין ראטשעסטער און וועהלט אויס יעדעס יאר צען ביז צוועלף פירמעס מיט א שטארקע פאטענציאל זיך צו באטייליגן אין איר הייבריד, זעקס-חודשים'דיגער פראגראם. דורכאויס די צייט ווערן קאמפאניס צוגעשטעלט איבער 200 שעה פון אנווייזונג, אינאיינעם מיט די מיטלען צו פאראויס-ציען זייערע טעכנאלאגיעס און ביזנעסער. [אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען]() פאר רונדע 7 ביז יאנואר 8, 2024. מאנשאפטן וועלן באקומען $100,000 אין פינאנצירונג ווען דער פראגראם עפנט זיך אין אפריל 2024, מיט די ערווארטונג אז $50,000 וועט ווערן גענוצט צו נוצן רעסאָרסן פון די פינגער לעיקס ראיאן. מאנשאפטן ווערן ערווארטעט צו קומען צו ראטשעסטער פאר געוויסע וואכן און אויך אנטיילנעמען ווירטואל דורכאויס זייער צייט אינעם אקסעלערעיטער.

די פינגער לעיקס איז די היים צו א געוואלדיג-רייכע וועלט פון ווייט-טראכטנדע ביזנעסלייט וועלכע זוכן צו מאכן זייערע ביזנעסער וואקסן. ראטשעסטער אפפערט די **אריינגעבויטע פאטאניקס טעסט פון די אמעריקאנער אינסטיטוט פאר מעניופעקטשורינג, צוזאמשטעלונג און איינפאקונג איינריכטונג ביי** איסטמען ביזנעס פארק, די [ראטשעסטער אוניווערסיטעט'ס אינסטיטוט אוו אפטיקס](), די [ראטשעסטער אינסטיטוט פון טעכנאלאגיע](), און מער פון 150 לאקאלע OPI פירמעס וועלכע באשעפטיגן איבער 17,000 ארבייטער.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ קנייט האט געזאגט,** "גראטולאציע צו Oculi און צו אלע פיינעליסטס וועלכע האבן אנטיילגענומען אין רונדע זעקס פון די ערפינדערישע לומינעיט NY קאנקורענץ. Luminate'ס קאנצענטרירונג אויפן פארשנעלערן ערפינדונגען און אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס וועלט'ס-באקאנטע אפטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג אינדוסטריעס האט ווייטער פארשטערקערט די פינגער לעיקס אלץ א צענטער פאר OPI, און מיר זענען פרייליך צוליב די וואוקס און ווירקונג וואס די פאראויס-טראכטנדע פירמעס וועלן ברענגען צום ראיאן."

**סטעיט סענאטאר דזשערעמי קוני האט געזאגט,** "אונזער ראיאן איז געווען אן ערפינדער און פירער אין אויפשטייגנדע טעכנאלאגיעס פאר לאנגע יארן. גראטולאציעס צו Oculi און צו אלע פיינעליסטס וועלכע האבן אנטיילגענומען אין רונדע זעקס פון די ערפינדערישע לומינעיט NY קאנקורענץ. איך קוק ארויס צו די צוקונפטיגע וואוקס און ווירקונג וואס די פירמעס וועלן ברענגען צום פינגער לעיקס ראיאן אזוי ווי מיר זעצן פאר צו פארברייטערן אונזערע וועלט-בארימטע אפטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג אינדוסטריעס."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "גראטולאציעס צו Oculi פארן געווינען רונדע זעקס פון די לומינעיט NY קאנקורענץ! Oculi און אלע פיינעליסטס פרעזענטירן די סארט דינאמישע ערפינדונגען וועלכע וועלן פארשנעלערן אונזער טעק סעקטארס יעצט כדי אונז צוצוגרייטן פארן צוקונפט. זייער שעפערישקייט און טאלאנט פאר ערפינדונגען וועלן פארזעצן צו ברענגען דזשאב געלעגנהייטן און אינוועסטירונגען צו אונזער ראיאן. מיר מוזן ערפילן זייער חלום און הצלחות מיט גלייכע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען וועלכע טוהען נישט נאר שטיצן אונזערע אויפשטייגנדע און פארברייטערנדע אינדוסטריעס נאר פלאסטערן אויך אויס וועגן פאר קאריערעס פאר אלע מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעללא האט געזאגט**, "דער ׳לומינעיט NY׳ פארשנעלערונג פראגראם האלט אין איין טרייבן פלייסיגקייט, ערפינדערישקייט, און עקאנאמישע וואוקס אין מאנראו קאַונטי. גראטולאציעס צו Oculi און אלע רונדע זעקס פיינעליסטס, וועלכע וועלן זיכער פאראויס שטופן פארגעשריטענע טעכנאלאגיע אין אונזער ראיאן און פארזעצן צו ברענגען היי-טעק אפטיקס, פאטאניקס און אימעדשינג דזשאב געלעגנהייטן און אינוועסטירונג צו מאנראו קאונטי. א דאנק פאר עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט, פינגער לעיקס פארווערד און גאווערנאר קעטי האוקאל פארן מאכן די קריטישע אינוועסטירונגען און העלפן פארמירן דעם צוקונפט פון אונזער ראיאן'ס טעכנאלאגיע לאנדסקעיפ."

**ראטשעסטער מעיאר מאליק עוואנס האט געזאגט,** "ראטשעסטער'ס היסטאריע איז פול מיט שעפערישע דענקער, ריזיקע-נעמערס, און פראבלעם-לייזערס וועמענ'ס ווערק האט געטוישט די וועלט - און דער טראדיציעס ווערט אנגעהאלטן מיט שטאלץ ביי אונזערע פארגעשריטענע סטעיט און לאקאלע פירער," האט געזאגט מעיאר מאליק ד. עוואנס. "זיי האבן געארבעט אומערמידליך צו מוטיגן און וואקסן אונזער סיטי'ס שטיין ביים שפיץ פון פאטאניקס, אפטיקס, און אימעדזשינג. גראטולאציעס צו Oculi און אלע פיינעליסטס, מיט די בעסטע וואונטשן פאר אייער צוקונפטיגע ערפאלג - ווייל אייער ערפאלג איז אונזער ערפאלג."

פאר נאך אינפארמאציע איבער Luminate NY, באזוכט: https://luminate.org/.

פאר מער אינפארמאציע איבער 'נעקסט-קארפס', באזוכט: https://nextcorps.org/.

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**

די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אריינרעכנענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.

**וועגן עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט**

עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור (www.esd.ny.gov). די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און ערדייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן